STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02912

HA-TSADIK, HA-LEV, HA-TORAH VEHA-SHALOM

Harry Chapman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב״ה ספר א׳

הצדיק; הלב; התורה; והשלום

בספר תהלים

כולל כל הפסוקים שבספר תהלים, שבהם נזכרים
הצדיק, הלב, התורה, והשלום, —
לטובה ולברכה.

דער צדיק; די הארץ; די תורה, און שלום
אין ספר תהלים.

פסוקים פון ספר תהלים, אין וועלכע דער צדיק;
די הארץ; די תורה; און שלום,
ווערן דערמאנט צום גוטען.

א וויכטיקע לעהרע פאר יעדן מענש צו ברייננגען
גוטעם פאר דער וועלט.

צוזאמענגעשטעלט פון
אהרן ב״ר מאיר טשאפמאן
לאס אנדזשעלעס, קליפורניא

שנת תשי״א לפ״ק
5711 — 1951

Copyright 1951
by
HARRY CHAPMAN
Los Angeles, California

Printed in the U. S. A.
by
DAVID KAHANSKY PRINTING & LITHOGRAPHY
Los Angeles, California

לזכר נשמות

הורי היקרים

מאיר ב"ר משה הירש ז"ל

נפטר י"ד אדר

רחל בת ר' יעקב ז"ל

נפטרה א' דר"ח אלול

ולזכר נשמת אחי

יצחק ב"ר מאיר ז"ל

א י נ ה אַ ל ט

	זייטע
הקדמה	5
צדיק	11
לב — הארץ	34
תורה	55
שלום	64

הקדמה

הלל זאגט: "הוה מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום, ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה", (אבות פר"א, י"ב),—זיי פון די תלמידים, [נאכפאלגער], פון אהרן; האב ליעב שלום, און יאג זיך נאך שלום; האב ליעב מענשען, און דער־נעהענטער זיי צו דער תורה. די וועלט האלט זיך אויף שלום, (אבות פר"א, י"ח); "גאט האט ניט געפונען קיין אנדער כלי, וואס זאל ענטהאלטען אלע ברכות פאר ישראל [און פאר דער גאנצער וועלט], ווי **שלום**! (ענדע משניות).

די וועלט איז געבענשט מיט אלעם גוטעם, עס פעלט קיין זאך ניט, און אין די היינטיקע צייטען, די "מאדערנע" צייט, ווען די מענשהייט האט אזוי פיעל פראגרעסירט אין פילע וויסענ־שאפט און אין ערפינדונגען; אין שנעלע טראנס־פארטאציע און פארבינדונגען פון אלע טהיילען פון דער וועלט, וואלט די מענשהייט געדארפט לעבען צופריעדען און גליקלאך. אבער עס איז ניט אזוי! ווייל עס פעלט די מענשהייט דעם הויפט גרונט אויף וועלכען די מענשהייטס עקזיסטענץ און צופריעדענהייט זיינען באזירט, און דאס איז **שלום**! עס איז ניטא קיין שלום צווישען מענש און מענש, און דורך דעם קיין שלום צווישען די

פעלקער פון דער וועלט, אזוי אז דער מענש געניסט ניט פון גאט'ס ברכות וואס ער גיט דעם מענש אז ער זאל הנאה האבען פון זיין לעבען אויף דער וועלט. הלל האט דארום געלערענט דעם מענש אז ער זאל ליעבן שלום און ליעב האבען מענשן, וועט ער האבן א פולען גענום פון גאט'ס ברכות.

שלום הייגגט אב אויף אמת און צדק, — **גערעכטיגקייט**; "צדק ושלום נשקו", (תהלים פ"ה, י"א), — גערעכטיגקייט און שלום האבן זיך צעקושט. עס קאן ניט זיין קיין שלום אהן גערעכ־טיגקייט! פאלגליך, אום עס זאל הערשן שלום אויף דער וועלט דארף יעדער מענש שטרעבען צו זיין גערעכט אין אלע זיינע האנדלונגען, — ער זאל זיין א **צדיק**! אונזערע חכמים האבען אויף דיזעם באמערקט, אז ווען דער מענש האלט ביים קומען אויף דער וועלט, באשווערט מען איהם: "תהי צדיק, ואל תהי רשע"! (נדה ל':), זאלסט זיין א **צדיק**, און ניט קיין רשע. "ועמך כלם צדיקים, לעולם יירשו ארץ", (ישעיה ס' כ"א). ווען דיין פאלק זיינען אלע צדיקים, וועלען זיי ירש'ענען אויף אייביג די ערד, און געניסען די גוטעס פון דער וועלט.

אום צו זיין א **צדיק**, א גערעכטער מענש, דארף מען ענטוויקלען די **הארץ**, צו האבען א **לב טוב**", א גוטע הארץ, ווי שלמה המלך

זאגט: ״מכל משמר נצר לבך, כי ממנו תוצאות חיים״ (משלי י׳, כ״ג), — מעהר פון יעטוועדער היטונג פאס אויף דיין הארץ, ווייל פון איהם זיינען די אַרויסגאנגען פון לעבען. צו שמואל הנביא האט גאט געזאגט: ״האדם יראה לעינים וה׳ יראה ללבב״, (שמו״א ט״ז, ז׳), — דער מענש זעהט נאכן בליק פון זיינע אויגען, אָבער גאָט זעהט נאכן הארצן.

די הארץ איז דער וויכטיקסטער ארגאן אין דעם מענשענס קערפער. אויך אין גייסטיגען זין איז די הארץ דאָס העכסט וויכטיקסטע אין דעם מענשענס אפאראט פאר זיינע נייגונגען צום גוטען, אדער פארקערט. א ״לב טוב״, — א גוטע הארץ, איז עס וואס ברייננגט דעם מענש ער זאל זיך פירן און געהן אויף דעם גוטען וועג, זאגט דער תנא רבי אלעזר בן ערך, און דער גרויסער תנא רבן יוחנן בן זכאי זאגט דארויף, אז אלע אנדערע גוטע מדות זיינען ביי דעם יעניגען וואס האט א גוטע הארץ, (אבות פר״ב, י״ג). דארויף האט דוד המלך געבעטען ביי גאט: ״לב טהור ברא לי אלהים, ורוח נכון חדש בקרבי״, (תהלים נ״א, י״ב), — א ריין הארץ באשאף מיר, גאט, און א פעסט געמיט באניי אין מיר.

אונזער תורה איז דער מיטל פאר דעם מענש צו נייגן זיין הארץ צום גוטען וועג פון גערעכ־טיגקייט און שלום. ״דרכיה דרכי נעם, וכל

נתיבתיה שלום", (משלי ג', י"ז), — איהרע וועגן, [פון די תורה], זיינען וועגן פון ליעבליכקייט, און אלע איהרע שטעגן זיינען שלום. דער וואס געהט אין די וועגן פון די תורה איז זיכער אז ער געהט אין די וועגן פון אמת און גערעכטיגקייט: "תורת אלהיו בלבו לא תמעד אשריו", (תהלים ל"ז, ל"א), — די תורה פון זיין גאט איז אין זיין הארצן, זיינע טריט גליטשען זיך ניט אוים. דארום איז ביי אונז דאס לערנען תורה דאס העכסטע אינם מענשענס לעבען, "ותלמוד תורה, כנגד כולם", (משנה פאה, פר"א, א') — לערנען תורה באשטעהט [בריינגט צו אלע], פאר אלע גוטע טהאטען. און דאס האט הלל געזאגט, אז אום ליעבן שלום, דארף מען ליעבן אלע מענשן, און אום דיזעס צו דער־גרייכען דארף מען זיך און אנדערע דערנעהענ־טערען צו די תורה, וועלכע איז א תורה פון שלום, און ווייזט דעם אמת'ן וועג צו שלום.

אין מיין געוואהנהייט צו לערנען תנ"ך, איבערהויפט דעם ספר **תהלים**, דער פאפולאר־סטער ספר פון תנ"ך, (נאכן חומש), מיט וועלכען ספר יעדער איז באקאנט, האב איך צוזאמענגע־שטעלט די פסוקים פון **תהלים** אין וועלכע דער **צדיק**, די **הארץ**, די **תורה**, און **שלום**, ווערן דערמאנט צום גוטען. איך גיב זיי אין דיזען ספר אין העברייאיש און יידיש [עס זאל זיין צוגענגליך פאר יעדן], און האף אז דיזער ספר וועט בריינגען

פרייד און געַנוּם צו יעדן וועלכער וועט זיך גוט אריינטראכטען אין דיזע פסוקים, אזוי אז זיין הארץ וועט געשטארקט ווערן פיזיש און גייסטיג, צו לערנען תורה און טאהן וואס עס איז רעכט, און בריינגען שלום אויף דער וועלט, והשי״ת וועט שטארקען אונזערע הערצער, מיר זאלן האבען גוטע לאנגע יאהרען און טאהן גוטעס, **אמן**.

אהרן ב״ר מאיר **טשאפמאן**.

צדיק

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, ובדרך חטאים לא עמד, ובמושב לצים לא ישב. כי אם בתורת יהוה חפצו, ובתורתו יהגה יומם ולילה. והיה כעץ שתול על פלגי מים, אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול, וכל אשר יעשה יצליח. לא כן הרשעים, כי אם כמץ אשר תדפנו רוח. על כן לא יקמו רשעים במשפט, וחטאים בעדת צדיקים. כי יודע יהוה דרך צדיקים, ודרך רשעים תאבד. (א׳, א׳-ו׳).

וואהל צו דעם מענטשן וואס איז ניט געגאנגען אין דער עצה פון די רשעים, און אויף דעם וועג פון די זינדיקע איז ער ניט געשטאנען, און אין דער זיצונג פון די שפעטער איז ער ניט געזעסן. נאר צו דער תורה פון גאט איז זיין באגעהר, און אין זיין תורה טראכט ער טאג און נאכט. און ער וועט זיין ווי א בוים געפלאנצט ביי בעכן וואסער, וואס גיט זיין פרוכט אין זיין צייט, און זיין בלאט ווערט ניט פארוועלקט, און אין אלעם וואס ער טוט

וועט ער באגליקן. ניט אזוי זיינען די רשעים, נאר ווי די שפריי וואס א ווינט פאריאגט איהם. דארום וועלן די רשעים ניט באשטעהן פארן משפט, און די זינדיקע אין דער עדה פון די צדיקים. ווייל גאט מערקט דעם וועג פון די צדיקים, און דער וועג פון די רשעים וועט אונטערגעהן.

בקראי ענני אלהי צדקי, בצר הרחבת לי, חנני ושמע תפילתי. (ד, ב׳).

אז איך רוף, ענטפער מיר, גאט מיין גערעכטער; אין ענגניש זאלסטו מיר דערברייטערן; לייטזעליג מיך, און הער צו מיין תפלה.

יהוה נחני בצדקתך למען שוררי, הישר לפני דרכך. (ה׳, ט׳).

גאט, פיר מיך אין דיין גערעכטיגקייט פון וועגן מיינע לויערער, מאך גלייך דיין וועג פאר מיר.

כי אתה תברך צדיק יהוה, כצנה רצון תעטרנו. (ה׳, י״ג).

ווארום דו בענשסט דעם צדיק, גאט, ווי א פאנצער מיט גוטוויליגקייט רינגעלסט דו איהם ארום.

יהוה ידין עמים, שפטני יהוה, כצדקי וכתמי עלי. (ז׳, ט׳).

גאט, וואס טוט משפט׳ן די פעלקער, משפט מיך, גאט, לויט מיין גערעכטיגקייט און לויט מיין ער-ליכקייט אין מיר.

יגמר נא רע רשעים ותכונן צדיק, ובחן לבות וכליות אלהים צדיק (ז׳, י׳).

זאל שוין ענדיגען דאס בייז פון די רשעים, און דו זאלסט אויפריכטען דעם צדיק; ווארום די פרו-בירסט די הערצער און נירן, גאט דו גערעכטער.

כי השתות יהרסון, צדיק מה פעל. (י״א, ג׳).

אז די גרונטזיילען ווערן צושטערט, דער צדיק וואס האט אויפגעטאן?

יהוה צדיק יבחן, ורשע, ואהב חמס, שנאה נפשו. (י״א, ה׳).

גאט פרובירט דעם צדיק, און דעם רשע, און דעם וואס האט ליעב רויב, האט פיינט, [גאט], זיין זעלע.

שם פחדו פחד, כי אלהים בדור צדיק. (י"ד, ה').

דארטן אנגסטן זיי אין שרעק, ווארום גאט איז מיט דעם גערעכטן דור.

מזמור לדוד. יהוה מי יגור באהלך, מי ישכן בהר קדשך. הולך תמים ופעל צדק ודבר אמת בלבבו. (ט"ו, א'-ב').

א מזמור פון דור: ווער קען וואהנען אין דיין געצעלט? ווער קען רוהען אויף דיין הייליגן בארג? דער וואס געהט ערליך און טוט גערעכטיגקייט, און רעדט אמת אין זיין הארצן.

אני בצדק אחזה פניך, אשבעה בהקיץ תמונתך. (י"ז, ט"ו).

איך אבער וועל זעהן דיין פנים אין גערעכ־טיגקייט, איך וועל מיך זאט מאכן ווען איך וואך אויף מיט דיין געשטאלט.

וישב יהוה לי כצדקי, כבר ידי לנגד עיניו. (י"ח, כ"ה).

דארום האָט מיר גאט אומגעקערט [פארגיל־טעט], לויט גערעכטיגקייט. לויט דער ריינקייט פון מיינע הענט אין זיינע אויגן.

נפשי ישובב, ינחני במעגלי צדק, למען שמו. (כ״ג, ג׳).

מיין זעלע דערקוויקט ער, אויף שטעגן פון גערעכטיגקייט פירט ער מיר, וועגן זיין נאמען.

תאלמנה שפתי שקר, הדברות על צדיק עתק, בגאוה ובוז. (ל״א, י״ט).

זאלן שטום ווערן די ליפן פון ליגן, וואס באַ־רעדען דעם צדיק מיט פרעכהייט, מיט שטאלץ און פאראכטונג.

שמחו ביהוה וגילו, צדיקים! והרנינו כל ישרי לב. (ל״ב, י״א).

פרעהט זיך, איהר צדיקים מיט גאט, און זינגט, איהר ערליך־הערציגע מענשען.

רננו צדיקים ביהוה, לישרים נאוה תהלה. (ל״ג, א׳).

זינגט צדיקים צו גאט, פאר די רעכטפארטיקע פאסט א לויב־געזאנג.

אהב צדקה ומשפט, חסד יהוה מלאה הארץ. (ל"ג, ה').

ער ליעבט גערעכטיגקייט און משפט, די וועלט איז דערפילט מיט גאט'ס גענאד.

עיני יהוה אל צדיקים, ואזניו אל שועתם. (ל"ד, ט"ז).

די אויגן פון גאט זיינען אויף די צדיקים, און זיינע אויערן זיינען, (וואך) אויף זייער געבעט.

רבות רעות צדיק, ומכלם יצילנו יהוה. (ל"ד, כ').

פיעל זיינען די אומגליקן פון צדיק, אבער פון זיי אלע וועט אים גאט מציל זיין.

תמותת רשע רעה, ושנאי צדיק יאשמו. (ל"ד, כ"ב).

דעם רשע וועט טויטן דאס בייז, און די פיינד פון דעם צדיק וועלן פארוויסט ווערן.

ירנו וישמחו חפצי צדקי, ויאמרו תמיד יגדל יהוה, החפץ שלום עבדו. (ל״ה, כ״ז).

זאלן זינגען און זיך פרעהען די וואס באגערן מיין גערעכטיגקייט; און זאלן זיי אימער זאגן: גרוים זאל זיין גאט, וואס באגערט דעם פריעדן פון זיין קנעכט.

ולשוני תהגה צדקך, כל היום תהלתך. (ל״ה, כ״ח).

און מיין צונג וועט רעדן דיין גערעכטיגקייט, א גאנצן טאג דיין לויב.

והוציא כאור צדקך, ומשפטך כצהרים. (ל״ז, ו׳).

און ער וועט ארויסברייננגען ווי דאס ליכט דיין גערעכטיגקייט, און דיין משפט ווי דער מיטען טאג.

זמם רשע לצדיק, וחרק עליו שניו. אדני ישחק־לו כי ראה כי יבא יומו. (ל״ז, י״ב־י״ג).

דער רשע טראכט בייז געגען צדיק, און ער קריצט אויף איהם מיט זיינע ציין. (אבער) גאט לאכט פון איהם, ווארום ער זעהט אז זיין טאג וועט קומען.

טוב מעט לצדיק, מהמון רשעים רבים. (ל"ז, ט"ז).

בעסער דאס ביסל ביים צדיק, איידער די פילע פון רשעים.

לוה רשע ולא ישלם, וצדיק חונן ונותן. (ל"ז, כ"א).

דער רשע בארגט און באצאהלט ניט, און דער צדיק לייטזעליגט און גיט.

נער הייתי גם זקנתי, ולא ראיתי צדיק נעזב, וזרעו מבקש לחם. (ל"ז, כ"ה).

איך בין יונג געווען, און בין אלט געווארן, און איך האב ניט געזעהן א צדיק פארלאזן, און זיין אבשטאם בעטלענדיג ברויט.

צדיקים יירשו ארץ, וישכנו לעד עליה. (ל"ז, כ"ט).

די צדיקים וועלן הערבן (ירש'ענען), דאס לאנד, און וועלן וואהנען דארויף אימער.

פי צדיק יהגה חכמה, ולשונו תדבר משפט. (ל"ז, ל').

דאס מויל פון דעם צדיק לאזט ארוים חכמה, און זיין צונג רעדט גערעכטיגקייט.

צופה רשע לצדיק, ומבקש להמיתו. יהוה לא יעזבנו בידו, ולא ירשיענו בהשפטו. (ל"ז, ל"ב-ל"ג).

דער רשע לויערט אויפן צדיק, און זוכט איהם צו טויטען, גאט וועט איהם ניט איבערלאזן אין זיין האנדט, און ניט לאזן איהם שולדיג מאכען ווען ער ווערט גע'משפט.

ותשועת צדיקים מיהוה, מעוזם בעת צרה. (ל"ז, ל"ט).

אבער די הילף פון די צדיקים איז פון גאט, (ער) איז זייער פעסטונג אין צייט פון נויט.

בשרתי צדק בקהל רב, הנה שפתי לא אכלא, יהוה אתה ידעת. (מ', י').

איך האב אנגעזאגט גערעכטיגקייט אין א גרוי־סער פארזאמלונג, זע, אז מיינע ליפן טו איך ניט פארמיידען, גאט, דו ווייסט דאך.

צדקתך לא כסיתי בתוך לבי, אמונתך ותשועתך אמרתי, לא כחדתי חסדך ואמתך לקהל רב. (מ׳, י״א).

דיין גערעכטיגקייט האב איך ניט פארדעקט אין מיין הארצן, דיין טריישאפט און דיין הילף האב איך דערצעהלט; איך האב ניט פארהוילן דיין גענאד און דיין אמת פארן גרויסען פארזאמלונג.

והדרך צלח ורכב על דבר אמת וענוה צדק, ותורך נוראות ימינך. (מ״ה, ה׳).

און אין דיין פראכט באגליק, רייט ארויס! פון וועגן אמת און מילדקייט און גערעכטיגקייט, און זאל דיר דיין רעכטע האנדט פארכטיקעם באווייזען.

אהבת צדק ותשנא רשע, על כן משחך אלהים אלהיך שמן ששון מחברך. (מ״ה, ח׳).

האסט ליעב געהאט גערעכטיגקייט, און פיינט געהאט אומרעכט, דארום האָט דיך, גאט דיין גאט, געזאלבט מיט אייל פון פרייד, איבער דיינע חברים.

הצילני מדמים אלהים אלהי תשועתי, תרנן לשוני צדקתך. (נ"א, ט"ז).

זיי מיך מציל פון בלוטיקייט, גאט, דו גאט פון מיין הילף; זאל מיין צונג זינגען דיין גערעכטיגקייט.

אז תחפץ זבחי־צדק, עולה וכליל, אז יעלו על מזבחך פרים. (נ"א, כ"א).

דענסטמאהל וועסט דו באגעהרן שלאכטאפפער פון גערעכטיגקייט, בראנדאפפער און גאנצאפפער; דענסטמאהל וועט מען אויפברייגגען אקסן אויף דיין אלטאר.

ויראו צדיקים וייראו, ועליו ישחקו. (נ"ב, ח').

און די צדיקים וועלן זעהן, (די שטראף פון דעם רשע) און וועלן פארכטען, און זיי וועלן לאכען איבער איהם.

השלך על יהוה יהבך, והוא יכלכלך, לא יתן לעולם מוט לצדיק. (נ"ה, כ"ג).

ווארף אויף גאט דיין לאסט, און ער וועט דיך פארזארגען; ער וועט קיינמאהל ניט לאזן פאלן דעם צדיק.

האמנם אלם צדק תדברון, מישרים תשפטו בני אדם. (נ״ח, ב׳).

רעדט איהר אין דער אמת ווי א גערעכטע מאכט? משפט איהר מיט יושר די מענטשענ-קינדער?

ישמח צדיק כי חזה נקם, פעמיו ירחץ בדם הרשע. ויאמר אדם, אך פרי לצדיק, אך יש אלהים שפטים בארץ. (נ״ח, י״א-י״ב).

דער צדיק וועט זיך פרעהען אז ער זעהט ראכע (אז) זיינע טריט וועט ער וואשן אין בלוט פון רשע. און מענטשען וועלן זאגן: יא, עס איז דא פרוכט פארן צדיק; יא, עס איז דא א גאט וואס משפט אויף דער ערד.

ישמח צדיק ביהוה וחסה בו, ויתהללו כל ישרי לב. (ס״ד, י״א).

דער צדיק פרעהט זיך מיט גאט, און שיצט זיך אין איהם, און עס ריהמען זיך אלע רעכטפארכ-טיגע הערצער.

נוראות בצדק תעננו אלהי ישענו, מבטח כל קצוי־ארץ וים רחקים. (ס"ה, ו').

מיט פארכטיגע וואונדער ענטפערסטו דו אונז אין גערעכטיגקייט, דו גאט פון אונזער הילף; דו, פארזיכערונג פון אלע עקן ערד, און פון ווייטע ים'ען.

וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלהים, וישישו בשמחה. (ס"ח, ד').

און די צדיקים וועלן זיך פרעהען; זיי וועלן זיין לוסטיג פאר גאט, און קוועלן מיט פרעהליכקייט.

ימחו מספר חיים, ועם צדיקים אל יכתבו. (ס"ט, כ"ט).

זאלן זיי, (די רשעים), אויסגעמעקט ווערן פון בוך פון לעבן, און מיט די גערעכטע זאלן זיי ניט פארשריבען ווערן.

פי יספר צדקתך, כל היום תשועתך, כי לא ידעתי ספרות. (ע"א, ט"ו).

מיין מויל וועט דערצעהלען דיין גערעכטיגקייט, א גאנצען טאָג דיין הילף ווארום איך קען ניט (אלעס) אויסדערצעהלען.

אבוא בגברות אדני יהוה אזכיר צדקתך לבדך. (ע״א, ט״ז).

איך וועל קומען מיט די שטארקייטן פון גאט דעם האר, איך וועל דערמאנען דיין גערעכטיג־קייט, דיינע אליין.

וצדקתך אלהים עד־מרום, אשר עשית גדלות אלהים מי כמוך. (ע״א, י״ט).

און דיין גערעכטיגקייט, גאט, איז ביזן הימל, דו וואס האסט אויפגעטאהן גרויסעס. גאט, ווער איז דיין גלייכן?

גם לשוני כל היום תהגה צדקתך, כי בשו כי חפרו מבקשי רעתי. (ע״א, כ״ד).

אויך מיין צונג א גאנצען טאג וועט רעדן דיין גערעכטיגקייט, ווארום פארשעמט, ווארום צו שאנד ווערן די וואס זוכן מיר בייז.

לשלמה. אלהים משפטיך למלך תן, וצדקתך לבן מלך. (ע״ב, א׳).

פון שלמה׳ן: גאט, גיב דיינע משפטים צום מלך, און דיינע גערעכטיגקייט צום מלך׳ס זוהן.

ידין עמך בצדק, ועניך במשפט. (עב, ב).

ער זאָל משפט'ן דיין פאלק מיט גערעכטיגקייט, און דיינע ארימע לויט רעכט.

ישאו הרים שלום לעם, וגבעות בצדקה. (ע"ב, ג').

די בערג זאָלן טראגען שלום צום פאלק, און די הויכע, (פלעצער), דורך גערעכטיגקייט.

וכל קרני רשעים אגדע, תרוממנה קרנות צדיק. (ע"ה, י"א).

און אלע הערנער פון די רשעים וועל איך אבהאקען; דערהויבען וועלן ווערן די הערנער פון די צדיקים!

חסד ואמת נפגשו, צדק ושלום נשקו. (פ"ה, י"א).

גענאָד און אמת האָבן זיך באגעגענט, גערעכ-טיגקייט און שלום האבן זיך צוקושט.

אמת מארץ תצמח, וצדק משמים נשקף. (פ"ה, י"ב).

אמת שפראצט פון דער ערד און גערעכטיגקייט האָט געקוקט פון הימל.

צדק לפניו יהלך, וישם לדרך פעמיו.

(פ"ה, י"ד).

גערעכטיגקייט וועט געהן איהם פאראוים, און מאכען זיינע טריט א וועג.

בשמך יגילון כל היום, ובצדקתך ירומו.

(פ"ט, י"ז).

מיט דיין נאמען פרעהען זיי זיך א גאנצען טאג, און דורך דיין גערעכטיגקייט ווערן זיי דערהויבען.

צדיק כתמר יפרח, כארז בלבנון ישגה.

(צ"ב, י"ג).

דער צדיק וועט בליען ווי א טייטלבוים, ווי א צעדערבוים אין לבנון וועט ער וואקסן.

כי עד צדק ישוב משפט, ואחריו כל ישרי לב. (צ"ד, ט"ו).

ווארום צום גערעכטען וועט זיך אומקערן דאס רעכט, און נאך איהם וועלן געהן אלע רעכטפאר-טיגע הערצער.

אור זרע לצדיק, ולישרי לב שמחה. (צ״ז, י״א).

א ליכט איז פארזעהט פארן צדיק, און פאר די רעכטפארטיגע הערצער א פרייד.

שמחו צדיקים ביהוה, והודו לזכר קדשו. (צ״ז, י״ב).

פרעהט זיך צדיקים מיט גאט, און דאנקט זיין הייליגער געדעכעניש.

אשרי שמרי משפט, עשה צדקה בכל עת. (ק״ו, ג׳).

וואהל צו די וואס היטען גערעכטיגקייט, צו דעם וואס טוט רעכט אין אלע צייטען.

הון ועשר בביתו, וצדקתו עמדת לעד. (קי״ב, ג׳).

גוטעם און רייכטום איז ביי איהם אין הויז, (וועלכער היט גאט׳ס געבאט), און זיין גערעכטיג־קייט באשטעהט אויף אייביג.

זרח בחשך אור לישרים, חנון ורחום וצדיק. (קי"ב, ד').

ער, [גאט], שיינט פאר די רעכטפארטיגע ווי א ליכט אין דער פינסטער, ער איז לייטזעליג און דערבארימדיג און גערעכט.

כי לעולם לא ימוט, לזכר עולם יהיה צדיק. (קי"ב, ו').

ווארום ער וועט קיינמאהל ניט אומפאלען; צו אייביגער געדעכעניש וועט זיין דער צדיק.

פזר נתן לאביונים, צדקתו עמדת לעד, קרנו תרום בכבוד. (קי"ב, ט').

ער טיילט פאנאנדער, ער גיט די באדערפטיגע, זיין גערעכטיגקייט באשטעהט אויף אייביג; זיין הארן וועט דערהויבען זיין אין כבוד.

קול רנה וישועה באהלי צדיקים, ימין יהוה עשה חיל. (קי"ח, ט"ו).

א שטימע פון געזאנג און געהילף איז אין די געצעלטען פון די צדיקים! די רעכטע האנדט פון גאט טוט מעכטיגעס.

פתחו לי שערי צדק, אבא בם אודה יה.
(קי"ח, י"ט).

עפענט מיר די טויערן פון גערעכטיגקייט, איך וועל אריינגעהן אין זיי, איך וועל דאנקען גאט.

זה השער ליהוה, צדיקים יבאו בו.
(קי"ח, כ').

דאס איז דער טויער צו גאט, די גערעכטע זאלן אריינגעהן אין איהם.

אודך בישר לבב, בלמדי משפטי צדקך. (קי"ט, מ').

איך וועל דיר לויבען מיט רעכטפארטיגקייט פון הארצן ווען איך לערן דיינע גערעכטע גע-זעצען.

הנה תאבתי לפקדיך, בצדקתך חיני.
(קי"ט, מ').

זעה, איך האב געשמאכט נאך דיינע באפעלען; אין דיין גערעכטיגקייט לעב מיך אויף.

חצות לילה אקום להודות לך על משפטי צדקך. (קי"ט, ס"ב).

האלבע נאכט שטעה איך אויף דיר צו דאנקען פאר דיינע גערעכטע משפטים.

ידעתי יהוה כי צדק משפטיך, ואמונה עניתני. (קי"ט, ע"ה).

איך וויים, גאט, אז גערעכט זיינען דיינע משפטים, און אוים טריישאפט האסטו מיר גע־פייניגט.

נשבעתי ואקימה לשמר משפטי צדקך. (קי"ט, ק"ו).

איך האָב געשווארען און האב פארפילט, צו היטען דיינע גערעכטע משפטים.

עשיתי משפט וצדק, בל תניחני לעשקי. (קי"ט, קכ"א).

איך האָב געטאהן רעכט און גערעכטיגקייט; זאלסט מיך ניט איבערלאזען צו מיינע אונטער־דריקער.

עיני כלו לישועתך, ולאמרת צדקך.
(קי"ט, קכ"ג).

מיינע אויגן געהן אוים נאך דיין הילף, און נאך דעם ווארט פון דיין גערעכטיגקייט.

צדק עדותיך לעולם, הבינני ואחיה.
(קי"ט, קמ"ד).

גערעכט זיינען דיינע אנזאגען אויף אייביג; מאך מיר פארשטעהן, אום איך זאל לעבען.

שבע ביום הללתיך, על משפטי צדקך.
(קי"ט, קס"ד).

זיבען מאהל א טאג לויב איך דיך פאר דיינע גערעכטע משפטים.

תען לשוני אמרתך, כי כל מצותיך צדק. (קי"ט, קע"ב).

מיין צונג וועט זינגען דיין ווארט, ווארום אלע דיינע געבאט זיינען גערעכטיגקייט.

כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, למען לא ישלחו הצדיקים בעולתה ידיהם. (קכ"ה, ג').

ווארום דער רוט פון שלעכטיגקייט וועט ניט רוהען אויף דעם גורל פון די גערעכטע, אום די גערעכטע זאָלען ניט אויסשטרעקען זייערע הענדט אין אומגערעכטיגקייט.

כהניך ילבשו צדק, וחסידיך ירננו. (קל"ב, ט').

דיינע כהנים זאלען זיך אנקליידן אין גערעכ־טיגקייט און דיינע פרומע זאלען זינגען.

אך צדיקים יודו לשמך, ישבו ישרים את פניך. (ק"מ, י"ד).

פאר וואהר וועלן די צדיקים דאנקען דיין נאמען, די רעכטפארטיגע וועלן זיצען אין דיין געגענווארט.

יהלמני צדיק חסד ויוכיחני, שמן ראש אל יני ראשי, כי עוד ותפלתי ברעותיהם. (קמ"א, ה').

דער צדיק שלאגט מיר אוים בינציקייט, און

שטראפט מיר; מיין קאפּ וועט ניט אבשטויסען דאס טהייערע אייל — ווארום אימער איז מיין געבעט געגען זייערע, (די רשעים'ס), בייזעס.

הוציאה ממסגר נפשי, להודות את שמך! בי יכתירו צדיקים כי תגמל עלי.
(קמ"ב, ח').

צי ארויס פון פעסטונג מיין זעלע, צו לויבען דיין נאמען, דורך מיר וועלן די צדיקים זיך קרוינען, אז דו וועסט מיר גוטעס טאהן.

זכר רב טובך יביעו, וצדקתך ירננו.
(קמ"ה, ז').

די דערמאנונג פון דיין גרויס גוטסקייט וועט מען ארויסזאגען, און דיין גערעכטיגקייט וועט מען באזינגען.

יהוה פקח עורים, יהוה זקף כפופים, יהוה אהב צדיקים. (קמ"ו, ח').

גאט מאכט זעהענדיג די בלינדע, גאט שטעלט אויף די געבויגענע, גאט האט ליעב די גערעכטע.

לב — הארץ

רגזו ואל תחטאו, אמרו בלבבכם על משכבכם ודמו, סלה. (ד׳, ה׳).

ציטערט און איר זאלט ניט זינדיקן, באקלערט אין אייער הארצן אויף אייער געלעגער, און ווערט אנטשוויגן, סלה.

ותחונן צדיק, ובחן לבות וכליות, אלהים צדיק. (ז׳, י׳).

און דו זאלסט אויפריכטן דעם צדיק; ווארום דו פרואווסט די הערצער און נירן, גאט דו גע־רעכטער.

מגני על אלהים, מושיע ישרי לב. (ז׳, י״א).

מיין באשיץ איז אויף גאט; ער העלפט די רעכטפארטיקע הערצער.

אודה יהוה בכל לבי, אספרה כל נפלאותיך. (ט׳, ב׳).

איך וועל לויבן גאט מיט מיין גאנצן הארצן, איך וועל דערציילן אלע דיינע וואונדער.

תאות ענוים שמעת יהוה, תכין לבם תקשיב אזנך. (י׳, י״ז).

דאָס לעכצן פון די פארליטענע האסטו צו־געהערט גאט; פעסטיקסט זייער הארץ, נייגסט צו דיין אויער.

ואני בחסדך בטחתי, יגל לבי בישועתך, אשירה ליהוה כי גמל עלי. (י״ב, ו׳).

אבער איך פארזיכער מיך אויף דיין חסד; מיין הארץ וועט זיך פרייען מיט דיין הילף; איך וועל זינגען צו גאט, וואס האָט מיר גוטס געטאָן.

[מזמור לדוד. יהוה מי יגור באהלך, מי ישכן בהר קדשך]. **הולך תמים ופעל צדק ודבר אמת בלבבו.** (ט״ו, א׳-ב׳).

[א מזמור פון דוד׳ן. גאט, ווער קען וואהנען אין דיין געצעלט? ווער קען רוען אויף דיין הייליקן בארג?]. דער וואס גייט ערליך און טוט גערעכטיקייט, און רעדט אמת אין זיין הארצן.

[שויתי יהוה לנגדי תמיד, כי מימיני בל אמוט].
לכן שמח לבי ויגל כבודי, אף בשרי ישכן לבטח. (ט"ז, ח'-ט').

[איך האלט גאט פאר מיר תמיד]. ווארום אז ער איז ביי מיין רעכטער האנט, וועל איך נים אומפאלן]. דרום איז פריילעך מיין הארץ, און לוסטיק מיין זעלע.

בחנת לבי, פקדת לילה, צרפתני בל תמצא זמתי, בל יעבר־פי. (י"ז, ג').

האסט געפרואווט מיין הארץ, האסט נאכגע־זוכט ביי נאכט, האסט מיך געלייטערט, און נים געפונען איך זאל טראכטען וואס דארף נים אריבער מיין מויל.

פקודי יהוה ישרים משמחי לב, מצות יהוה ברה מאירת עינים. (י"ט, ט').

די באפעלען פון גאט זיינען רעכטפארטיק, זיי דערפרייען דאס הארץ; דאס געבאט פון גאט איז לויטער, עס מאכט ליכטיק די אויגן.

יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי, לפניך יהוה צורי וגואלי. (י״ט, ט״ו).

זאלן זיין צו באוויליקונג די ווערטער פון מיין מויל, און די טראכטונג פון מיין הארצן פאר דיר, גאט מיין פעלז, און מיין דערלייזער.

יתן לך כלבבך, וכל עצתך ימלא. (כ׳, ה׳).

ער וועט דיר געבן לויט דיין הארצן, און דיין יעטוועדער באראט וועט ער דערפילן.

תאות לבו נתת לו, וארשת שפתיו בל מנעת סלה. (כ״א, ג׳).

דעם באגער פון זיין הארצן האסטו אים גע־געבן, און דעם פארלאנג פון זיינע ליפן האסטו ניט פארמיטן. סלה.

כמים נשפכתי והתפרדו כל עצמותי, היה לבי כדונג, נמס בתוך מעי. (כ״ב, ט״ו).

ווי וואסער בין איך צערונען געווארן, און אלע מיינע ביינער האבן זיך צעשאטן; מיין הארץ איז געווארן ווי וואקס, צעגאנגען אין מיין אינגעווייד.

יאכלו ענוים וישבעו, יהללו יהוה דרשיו, יחי לבבכם לעד. (כ"ב, כ"ז).

עסן וועלן די געדריקטע און זאט זיין, לויבן וועלן גאט די וואס זוכן אים; זאל אויפלעבן אייער הארץ אויף אייביק!

[מי יעלה בהר יהוה, ומי יקום במקום קדשו]. נקי כפים ובר לבב, אשר לא נשא לשוא נפשי, ולא נשבע למרמה.
(כ"ד, ג'-ד').

[ווער קען ארויפגיין אויף דעם בארג פון גאט? און ווער קען שטיין אין זיין הייליקן ארט?] דער וואס האט ריינע הענט און א לויטער הארץ, וואס האט מיך ניט דערמאנט צום פאלשן, און ניט געשווארן מיט באטרוג.

צרות לבבי הרחיבו, ממצוקותי הוציאני.
(כ"ה, י"ז).

די צרות פון מיין הארצן האבן זיך אויסגע־ברייט, פון מיינע דריקענישן צי מיך ארויס.

אם תחנה עלי מחנה לא יירא לבי, אם תקום עלי מלחמה, בזאת אני בוטח.
(כ"ז, ג').

אז א מחנה זאל לאגערן אויף מיר וועט ניט מורא האבן מיין הארץ; אז א מלחמה זאל אנשטיין אויף מיר, בין איך פון דעסטוועגן זיכער.

לך אמר לבי בקשו פני, את פניך יהוה אבקש. (כ"ז, ח').

מיין הארץ זאגט פאר דיר: זוכט מיין פנים! דיין פנים, גאט, טו איך זוכן.

קוה אל יהוה חזק ויאמץ לבך, וקוה אל יהוה. (כ"ז, י"ד).

האף צו גאט, זיי שטארק, און זאָל פעסט זיין דיין הארץ; יא, האף צו גאט.

יהוה עזי ומגני, בו בטח לבי ונעזרתי, ויעלז לבי, ומשירי אהודנו. (כ"ח, ז').

גאט איז מיין שטארקייט און מיין שילד, אויף אים האט זיך פארזיכערט מיין הארץ, און איך בין געהאלפן געווארן. דארום איז לוסטיק מיין הארץ, און מיט מיין געזאנג טו איך אים דאנקען.

חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים ליהוה. (ל"א, כ"ה).

זייט שטארק, און זאל פעסט זיין אייער הארץ, איר אלע וואס האפט צו גאט.

שמחו ביהוה וגילו צדיקים, והרנינו כל ישרי לב. (ל"ב, י"א).

פרייט זיך מיט גאט, און זייט לוסטיק, צדיקים, און זינגט, אלע רעכטפארטיקע הערצער.

היצר יחד לבם, המבין את כל מעשיהם. (ל"ג, ט"ו).

ער וואס פורעמט זייער אלעמענס הארץ, וואס פארשטייט אלע זייערע מעשים.

[נפשנו חכתה ליהוה, עזרנו ומגננו הוא], כי בו ישמח לבנו, כי בשם קדשו בטחנו. (ל"ג, כ'-כ"א).

[אונדזער זעל האט געהארט אויף גאט, אונדזער הילף און אונדזער שילד איז ער]. ווארום מיט אים פרייט זיך אונדזער הארץ, ווארום אויף זיין הייליקן נאמען האבן מיר זיך פארזיכערט.

קרוב יהוה לנשברי-לב, ואת דכאי-רוח יושיע. (ל"ד, י"ט).

גאט איז נאענט צו די צעבראכענע הערצער, און די דערשלאגענע געמיטער טוט ער העלפן.

משך חסדך לידעיך, וצדקתך לישרי-לב. (ל"ו, י"א).

ציה אוים דיין חסד צו די וואס קענען דיך, און דיין גערעכטיקייט צו די רעכטפארטיקע הערצער.

והתענג על יהוה, ויתן לך משאלת לבך. (ל"ז, ד').

און קוויק זיך מיט גאט, און ער וועט דיר געבן די פארלאנגען פון דיין הארצן.

תורת אלהיו בלבו, לא תמעד אשריו. (ל"ז, ל"א).

די תורה פון זיין גאט איז אין זיין הארצן, זיינע טריט גליטשן זיך ניט אוים.

לבי סחרחר, עזבני כחי, ואור עיני גם-הם אין אתי . . . אל תעזבני יהוה אלהי, אל תרחק ממני. חושה לעזרתי אדני תשועתי. (ל"ח, י"א . . . כ"ב-כ"ג).

מיין הארץ שווינדלט, מיין כוח האט מיך פאר-לאזט; און דאס ליכט פון מיינע אויגן, דאס אויך איז ביי מיר מעהר ניטא . . . ניט פארלאזן זאָלסטו מיך, גאט, ניט דערווייטערן זאלסטו זיך פון מיר, מיין גאט, אייל מיר צו הילף, גאט מיין ישועה.

צדקתך לא כסיתי בתוך לבי, אמונתך, ותשועתך אמרתי, לא כחדתי חסדך ואמתך לקהל רב. (מ', י"א).

דיין גערעכטיקייט האב איך ניט פארדעקט אין מיין הארצן, דיין טריישאפט און דיין הילף האב איך דערציילט; איך האָב ניט פארהוילן דיין גענאד און דיין אמת פארן גרויסן געזעמל.

רחש לבי דבר טוב אמר אני מעשי למלך, לשוני עט סופר מהיר (מ"ה, ב').

עס יירט מיין הארץ מיטן שיינעם ווארט, איך וועל פירזאגן מיינע לידער צום מלך; מיין צונג איז [ווי] די פעדער פון א פלינקן שרייבער.

פי ידבר חכמות, והגות לבי תבונות. (מ"ט, ד').

מיין מויל וועט רעדן חכמה, און די טראכטונג פון מיין הארצן וועט זיין פארשטאנדיקייט.

לב טהור ברא לי אלהים, ורוח נכון חדש בקרבי. (נ"א, י"ב).

א ריין הארץ באשאף מיר, גאט, און א פעסט געמיט באניי אין מיר.

זבחי אלהים רוח נשברה, לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה. (נ"א, י"ט).

די שלאכטאפּפער פון גאט זיינען א צעבראכן געמיט, א צעבראכן און דערשלאגן הארץ, גאָט, פאראכטסטו ניט.

נכון לבי אלהים, נכון לבי, אשירה ואזמרה. (נ"ז, ח').

פעסט איז מיין הארץ, גאט, פעסט איז מיין הארץ, איך וועל זינגען און שפּילן.

מקצה הארץ אליך אקרא, בעטף לבי, בצור ירום ממני תנחני. (ס"א, ג').

פון עק פון דער ערד רוף איך צו דיר, ווען מיין הארץ פארגייט; אויף דעם פעלז וואס איז צו הויך פאר מיר, זאלסטו מיך ארויפפירן.

בטחו בו בכל עת עם שפכו לפניו לבבכם, אלהים מחסה לנו סלה. (ס"ב, ט').

פארזיכערט אייך אויף אים אין יעטוועדער צייט, איר פאלק, גיסט אויס פאר אים אייער הארץ; גאט איז אונדז א באשיצונג, סלה.

אל תבטחו בעשק ובגזל, אל תהבלו חיל כי ינוב, אל תשיתו לב. (ס"ב, י"א).

איר זאלט אייך ניט פארזיכערן אויף רויב, און ניט נארן אויף גזלה זאלט איר אייך. אז דער פארמעג וואקסט זאלט איר ניט לייגן אייער הארץ אויף דעם.

ישמח צדיק ביהוה וחסה בו, ויתהללו כל ישרי לב. (ס"ד, י"א).

דער צדיק פרייט זיך מיט גאט, און טוט זיך שיצן אין אים, און עס רימען זיך אלע רעכט-פארטיקע הערצער.

ראו ענוים ישמחו, דרשי אלהים ויחי לבבכם. (ס"ט, ל"ג).

זאלן זעהן די געדריקטע, און זיך פרייען; איר וואס זוכט גאט, זאל אויפלעבן אייער הארץ!

מזמור לאסף. אך טוב לישראל, אלהים לברי לבב. (ע"ג, א').

א מזמור פון אסף: פארוואר, גאט איז גוט צו ישראל, צו די וואס האבן א ריין הארץ.

כי יתחמץ לבבי וכליותי אשתונן. (ע"ג, כ"א).

יא, מיין הארץ פלעגט זיין פארזויערט, און די נירן פלעגט מיר שטעכן.

כלה שארי ולבבי צור לבבי וחלקי אלהים לעולם. (ע"ג, כ"ו).

מיין לייב און מיין הארץ גייט אוים, דער פעלז פון מיין הארצן און מיין חלק איז אייביק גאט.

אזכרה נגינתי בלילה, עם לבבי אשיחה, ויחפש רוחי. (ע"ז, ז').

איך דערמאן זיך מיין געזאנג ביי נאכט, איך רעד מיט מיין הארצן, און עס פארשט מיין גייסט.

ויִרעם כתם לבבו, ובתבונות כפיו ינחם.
(ע"ח, ע"ב).

און ער האָט זיי געפּיטערט לויט דער ערלעכ־קייט פון זיין הארצן, און מיט פארשטאנדיקייט פון זיינע הענט זיי געפירט.

נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות יהוה, לבי ובשרי ירננו אל אל חי. (פ"ד, ג').

מיין זעלע גארט און גייט אויס נאך די הויפן פון גאט; מיין הארץ און מיין לייב זינגען צום לעבעדיקן גאט.

אשרי אדם עוז לו בך, מסלות בלבבם.
(פ"ד, ו').

גליק צו די מענטשן וואס זייער שטארקייט איז אין דיר, וואס [דיינע] וועגן זיינען אין זייער הארצן.

הורני יהוה דרכך אהלך באמתך, יחד לבבי ליראה שמך. (פ"ו, י"א).

לערן מיך, גאט, דיין וועג, איך זאל גיין אין דיין אמת, איייניג מיין הארץ צו פארכטן דיין נאמען.

אודך אדני אלהי בכל לבבי, ואכבדה שמך לעולם. (פ"ו, י"ב).

איך וועל דיר לויבן מיין גאט, מיט מיין גאנצן הארצן, און ערלאך [האלטן] דיין נאמען אויף אייביק.

למנות ימינו כן הודע, ונבא לבב חכמה. (צ', י"ב).

לערן אונדז ריכטיק צו ציילן אונדזערע טעג, כדי מיר זאלן קריגן א הארץ פון חכמה.

כי עד צדק ישוב משפט, ואחריו כל ישרי לב. (צ"ד, ט"ו).

ווארום צום גערעכטן וועט זיך אומקערן דאס רעכט, און נאך אים [וועלן גיין] אלע רעכטפאר־טיקע הערצער.

אל תקשו לבבכם כמריבה, כיום מסה במדבר. (צ"ה, ח').

מאכט ניט אייער הארץ הארט ווי ביי מריבה, ווי אין טאג פון מסה אין דער מדבר.

אור זרע לצדיק, ולישרי לב שמחה.
(צ"ז, י"א).

א ליכט איז פארזייט פארן צדיק, און פאר די רעכטפארטיקע הערצער — א פרייד.

אשכילה בדרך תמים, מתי תבוא אלי. אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי. (ק"א, ב').

איך אכט אויפן ערלאכן וועג; ווען וועסטו קומען צו מיר? איך גיי אום אין מיין הויז אין דער ערלאכקייט פון מיין הארצן.

לבב עקש יסור ממני, רע לא אדע.
(ק"א, ד').

א קרום הארץ איז אבגעטאן פון מיר, פון שלעכטיקייט וויים איך נים.

הוכה כעשב ויבש לבי, כי שכחתי מאכל לחמי. (ק"ב, ה').

צוקלאפט ווי גראז און פארטריקענט איז מיין הארץ, איך האב פארגעסן [ווי] צו עסן מיין ברוים.

ויין ישמח לבב אנוש להצהיל פנים משמן, ולחם לבב אנוש יסעד. (ק"ד, ט"ו).

און [ער גיט] וויין וואס דערפרייט דעם מענטשנס הארץ, צו מאכן גלאנצן דעם פנים מעהר ווי בוימעל; און ברויט [גיט ער] וואס לעהנט אונטער דעם מענטשנס הארץ.

התהללו בשם קדשו, ישמח לב מבקשי יהוה. (ק"ה, ג').

לויבט אייך מיט זיין הייליקן נאמען; זאָל זיך פרייען דאס הארץ פון די וואס זוכן גאט.

נכון לבי אלהים, אשירה ואזמרה אף כבודי. (ק"ח, ב').

פעסט איז מיין הארץ, גאט, איך וועל זינגען און שפילן, יא, מיט מיין זעלע.

כי עני ואביון אנכי, ולבי חלל בקרבי. (ק"ט, כ"ב).

ווארום ארעם און באדערפטיק בין איך, און מיין הארץ איז דערשלאגן אין מיר.

הללויה. אודה יהוה בכל לבב, בסוד ישרים ועדה. (קי"א, א').

הללויה, [לויבט גאָט]. איך וועל לויבן גאט מיטן גאנצן הארצן, אין א ראט פון פרומע אין א געמיינדע.

משמועה רעה לא יירא, נכון לבו בטוח ביהוה. (קי"ב, ז').

פאר א בייזער בשורה האָט ער ניט מורא, פעסט איז זיין הארץ, ער איז פארזיכערט אויף גאָט.

אשרי נצרי עדתיו, בכל לב ידרשוהו. (קי"ט, ב').

וואהל צו די וואס היטען זיינע, [גאָט'ס], אנזאגען, וואס זוכען אים מיט גאנצן הארצן.

אודך בישר לבב, בלמדי משפטי צדקך. (קי"ט, ז').

איך וועל דיר לויבן מיט רעכטפארטיקייט פון הארצן, ווען איך לערן דיינע גערעכטע געזעצן.

בכל לבי דרשתיך, אל תשגני ממצותיך.
(קי״ט, י׳).

מיט מיין גאנצן הארצן האב איך דיך געזוכט, לאז מיך ניט פעהלען פון דיינע געבאט.

בלבי צפנתי אמרתך, למען לא אחטא-לך. (קי״ט, י״א).

אין מיין הארצן האב איך באהאלטן דיין ווארט, אום איך זאל ניט זינדיקן געגן דיר.

דרך מצותיך ארוץ, כי תרחיב לבי.
(קי״ט, ל״ב).

אין דעם וועג פון דיינע געבאט טו איך לויפן, ווארום די דערברייטערסט מיין הארץ.

הבינני ואצרה תורתך, ואשמרנה בכל לב. (קי״ט, ל״ד).

מאך מיך פארשטעהן, אום איך זאל היטן דיין תורה, און זי היטן, [האלטן], מיטן גאנצן הארצן.

הט לבי אל עדותיך, ואל אל בצע.
(קי״ט, ל״ו).

נייג מיין הארץ צו דיינע געבאטן, און ניט צו גייציקייט.

חליתי פניך בכל לב, חנני כאמרתך.
(קי"ט, נ"ח).
איך האב געבעטן ביי דיר מיטן גאנצן הארצן;
לייטזעליק מיך לויט דיין צוזאג.

טפלו עלי שקר זדים, אני בכל לב אצר פקודיך. (קי"ט, ס"ט).
די שטאלצע האבן ארויפגעלייגט אויף מיר ליגן,
איך היט מיטן גאנצן הארצן דיינע באפעלן.

יהי לבי תמים בחקיך, למען לא אבוש.
(קי"ט, פ').
זאל מיין הארץ גאנץ זיין אין דיינע געזעצן,
אום איך זאל ניט פארשעמט ווערן.

נחלתי עדותיך לעולם, כי ששון לבי המה. (קי"ט, קי"א).
איך האב געמאכט דיינע אנזאגן פאר מיין אייביקע ירושה, ווייל זיי זיינען די פרייד פון מיין הארצן.

נטיתי לבי לעשות חקיך, לעולם עקב.
(קי"ט, קי"ב).
איך האב געניינט מיין הארץ צו טאן דיינע געזעצן, תמיד ביז [מיין] לעצט.

קראתי בכל לב, ענני יהוה, חקיך אצרה.
(קי"ט, קמ"ה).

איך האב גערופן מיטן גאנצן הארצן; ענטפער מיר, גאט; דיינע געזעצן וועל איך האלטן.

שרים רדפוני חנם, ומדברך פחד לבי.
(קי"ט, קס"א).

פירסטן האבן מיך געיאגט, [איז עס] אומזיסט, [איך שרעק זיך ניט פאר זיי]; נאר פאר דיינע ווערטער האט מיין הארץ עהרעפורכט.

היטיבה יהוה לטובים, ולישרים בלבותם. (קכ"ה, ד').

גאט, טו גוטעס צו די גוטע, און צו די רעכט־פארטיקע אין זייערע הערצער.

שיר המעלות לדוד: יהוה לא גבה לבי ולא רמו עיני, ולא הלכתי בגדלות ובנפלאות ממני. (קל"א, א').

א געזאנג פון די שטופען; פון דוד. גאט, ניט שטאלץ איז מיין הארץ, און ניט הויך דערהויבן זיינען מיינע אויגן, און איך בין ניט אומגעגאנגען מיט זאכן צו גרויס און פארהוילן פון מיר.

לדוד: אודך בכל לבי נגד אלהים אזמרך. (קל"ח, א').

פון דור: איך וועל דיר [גאט] לויבן מיט מיין גאנצן הארצן, אין גענענווארט פון די מאכטיקע וועל איך דיר באזינגען.

חקרני אל ודע לבבי, בחנני ודע שרעפי. (קל"ט, כ"ג).

פארש מיך, גאָט, און דערקען מיין הארץ, פרוף מיך, און וויים מיינע געדאנקען.

אל תט לבי לדבר רע, להתעולל עללות ברשע, את אישים פעלי און, ובל אלחם במנעמיהם. (קמ"א, ד').

[גאט], זאלסט ניט נייגן מיין הארץ צו א בייזער זאך, צו טאהן טואונגען אין שלעכטקייט מיט לייטע וואס ווירקען אומרעכט; און זאל איך ניט עסן פון זייערע זיסע שפייזן.

הרופא לשבורי לב, ומחבש לעצבותם. (קמ"ז, ג').

[גאט איז] דער וואס היילט די צעבראכענע הערצער, און פארבינדט זייערע וואונדן.

תורה

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, ובדרך חטאים לא עמד, ובמושב לצים לא ישב, כי אם בתורת יהוה חפצו, ובתורתו יהגה יומם ולילה. (א׳; א׳-ב׳).

וואהל צו דעם מענטשן וואס איז ניט געגאנגען אין דער עצה פון די רשעים, און אויף דעם וועג פון די זינדיגע איז ער ניט געשטאנען, און אין דער זיצונג פון די שפעטער איז ער ניט געזעסן. נאר צו דער תורה פון גאט איז זיין באגעהר, און אין זיין תורה טראכט ער טאג און נאכט.

תורת יהוה תמימה, משיבת נפש. עדות יהוה נאמנה, מחכימת פתי. (י״ט, ח׳).

די תורה פון גאט איז גאנץ, זי דערקוויקט די זעלע; דער אנזאג פון גאט איז זיכער, ער מאכט קלוג דעם נאר.

תורת אלהיו בלבו, לא תמעד אשריו. (ל״ז, ל״א).

די תורה פון זיין גאט איז אין זיין הארצן, זיינע טריט גליטשען זיך ניט אוים.

לעשות רצונך אלהי חפצתי ותורתך בתוך מעי. (מ׳, ט׳).

צו טאהן דיין ווילן, מיין גאט, האב איך באַגעהרט, און דיין תורה איז אין מיין אינגעווייד.

משכיל לאסף. האזינה עמי תורתי, הטו אזנכם לאמרי פי. (ע״ח, א׳).

א באטראכטונג פון אסף׳ן: פארנעם, מיין פאלק, מיין **תורה**, נייגט אייער אויער צו די ווערטער פון מיין מויל.

ויקם עדות ביעקב ותורה שם בישראל, אשר צוה את אבותינו להודיעם לבניהם. (ע״ח, ה׳).

און ער האט אויפגעשטעלט א געזעץ אין יעקב, און געמאכט א **תורה** אין ישראל, וואס ער האט באפוילען אונזערע עלטערן זיי צו מאכען וויסען זייערע קינדער.

לא שמרו ברית אלהים, ובתורתו מאנו ללכת. (ע"ח, י'). **אם יעזבו בניו תורתי, ובמשפטי לא ילכון.** (פ"ט, ל"א). **ופקדתי בשבט פשעם, ובנגעים עונם. וחסדי לא אפיר מעמו, ולא אשקר באמונתי.**
(פ"ט, ל"ג-ל"ד).

זיי האבן ניט געהיט דעם בונד פון גאט, און אין זיין תורה ניט געוואלט געהן. אז זיינע קינדער וועלן פארלאזן מיין תורה, און אין מיינע געזעצען וועלן זיי ניט געהן, — וועל איך שטראפען מיט א רוט זייער פארברעך, און מיט פלאגן זייערע זינד. אבער מיין גענאד וועל איך ניט פארשטערן פון איהם, און ניט פעלשן אן מיין טריישאפט.

אשרי הגבר אשר תיסרנו יה, ומתורתך תלמדנו. (צ"ד, י"ב).

וואהל צו דעם מאן וואס דו מוסר'סט איהם, גאט, און פון דיין תורה טועסט דו איהם לערנען.

ויתן להם ארצות גוים, ועמל לאמים יירשו. בעבור ישמרו חקיו, ותורתיו ינצרו. הללויה! (ק"ה, מ"ד-מ"ה).

און ער האָט זיי געגעבן די לענדער פון די פעלקער, און די מיה פון די נאציאנען האבען זיי גע'ירשנ'ט, אום זיי זאָלן האלטן זיינע געזעצען, און זיינע תורות זאלן זיי היטען. הללויה.

אשרי תמימי-דרך, ההלכים בתורת יהוה. (קי"ט, א').

וואהל צו די וואס זייער וועג איז ערליך, וואס געהן אין דער **תורה** פון גאט.

גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך. (קי"ט, י"ח).

עפען מיינע אויגן, איך זאל זעהן די וואונדער פון דיין תורה.

דרך שקר הסר ממני, ותורתך חנני. (קי"ט, כ"ט).

דעם וועג פון ליגען טו אב פון מיר, און מיט דיין תורה לייטזעליג מיר.

הבינני ואצרה תורתך, ואשמרנה בכל לב. (קי״ט, ל״ד).

גיב מיר פארשטאנד, אום איך זאל היטן דיין תורה, און זי האלטן מיטן גאנצן הארצן.

ואשמרה תורתך תמיד, לעולם ועד. (קי״ט, מ״ד).

און איך וועל אימער היטן דיין תורה, אויף אייביג און שטענדיג.

זדים הליצני עד מאד, מתורתך לא נטיתי. (קי״ט, נ״א).

די גרויסהאלטער האבען געשפעט פון מיר זעהר, — פון דיין תורה האב איך זיך ניט אבגעניינט.

זלעפה אחזתני מרשעים, עזבי תורתך. (קי״ט, נ״ג).

א ברענענדיגער צארן האט מיך אנגענומען איבער די רשעים וואס פארלאזן דיין תורה.

זכרתי בלילה שמך יהוה, ואשמרה תורתך. (קי"ט, נ"ה).

איך האב דערמאנט ביינאכט דיין נאמען, גאט, און איך האב געהיט דיין תורה.

חבלי רשעים עודני, תורתך לא שכחתי. (קי"ט, ס"א).

א באנדע רשעים האבען מיך ארומגערינגעלט, דיין תורה האב איך ניט פארגעסען.

טפש כחלב לבם, אני תורתך שעשעתי. (קי"ט, ע').

פארשטאפט ווי פעטס איז זייער הארץ; איך האב מיך געקוויקט מיט דיין תורה.

טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף. (קי"ט, ע"ב).

מיר איז בעסער די תורה פון דיין מויל, איידער טויזענטער גאלד און זילבער.

יבאוני רחמיך ואחיה, כי תורתך שעשעי. (קי"ט, ע"ז).

זאל קומען אויף מיר דיין דערבארימונג, אום איך זאל לעבן, ווארום דיין תורה איז מיין דער-קוויקונג.

כרו לי זדים שיחות, אשר לא כתורתך. כל מצותיך אמונה, שקר רדפוני, עזרני!
(קי"ט, פ"ה-פ"ו).

די מוטהווילינע האבען פאר מיר געגראבען גריבער, וואס איז ניט לויט דיין תורה. [אבער] אלע דיינע געבאט זיינען ווארהאפטיג; אומנישט האבען זיי מיך געיאגט, העלף מיר!

לולי תורתך שעשעי, אז אבדתי בעניי.
(קי"ט, צ"ב).

ווען ניט דיין תורה איז מיין קוויקונג, וואלט איך אונטערגעגאנגען אין מיין פיין.

מה אהבתי תורתך, כל היום היא שיחתי. (קי"ט, צ"ז).

ווי ליב האב איך דיין **תורה!** א גאנצען טאג איז זי מיין טראכטונג.

נפשי בכפי תמיד, ותורתך לא שכחתי.
(קי"ט, ק"ט).

מיין זעלע איז אימער אין מיין האנדט, אבער דיין תורה האב איך ניט פארגעסן.

סעפים שנאתי, ותורתך אהבתי.

(קי"ט, קי"ג.)

צווייפלער האב איך פיינט, נאר דיין תורה האב איך ליעב.

עת לעשות ליהוה, הפרו תורתך.

(קי"ט, קכ"ו).

עס איז צייט פאר גאט צו טאהן, זיי האבען פארשטערט דיין תורה.

פלגי מים ירדו עיני, על לא שמרו תורתך. (קי"ט, קל"ו).

בעכן וואסער האבן פארגאסן מיינע אויגן, איבער די וואס האבן ניט געהיט דיין תורה.

צדקתך צדק לעולם, ותורתך אמת.

(קי"ט, קמ"ב).

דיין גערעכטיגקייט איז אייביג גערעכט, און דיין תורה איז אמת.

קרבו רודפי זמה, מתורת רחקו.

(קי"ט, ק"ן).

עס דערנענטערן זיך די וואס יאגן זיך נאך שענדליכקייט, פון דיין תורה זיינען זיי ווייט.

ראה עניי וחלצני, כי תורתך לא שכחתי.
(קי"ט, קנ"ג).

זעה מיין פיין, און דערלייז מיך, ווארום דיין תורה האב איך ניט פארגעסן.

שקר שנאתי ואתעבה, תורתך אהבתי.
(קי"ט, קס"ג).

ליגען האב איך פיינט, און פאראומווערדיג, דיין תורה האב איך ליעב.

שלום רב לאוהבי תורתך, ואין למו מכשול. (קי"ט, קס"ה).

גרוים פריעדן איז פאר די ליעבהאבער פון דיין תורה, און עס איז ניט דא פאר זיי קיין שטרויכלונג.

תאבתי לישועתך יהוה, ותורתך שעשעי. (קי"ט, קע"ד).

איך האב געשמאכט נאך דיין הילף, גאט, און דיין תורה איז מיין קוויקונג.

שלום

בשלום יחדו אשכבה ואישן, כי אתה יהוה לבדד, לבטח תושיבני. (ד׳, ט׳).

בשלום ווי איך לייג זיך אזוי שלאף איך איין, ווארום דו גאט מאכסט מיר וואהנען באזונדער אין זיכערקייט.

אל תמשכני עם רשעים ועם פעלי און, דברי שלום עם רעיהם, ורעה בלבבם. (כ״ח, ג׳).

זאלסט מיך ניט אוועקציהען מיט די רשעים, און מיט די וואס טוען אומרעכט, וואס רעדן שלום מיט זייערע חברים, און בייזעס איז אין זייער הארצן.

יהוה עז לעמו יתן, יהוה יברך את עמו בשלום. (כ״ט, י״א).

גאט וועט זיין פאלק געבן שטארקייט, גאט וועט בענשען זיין פאלק מיט **שלום**.

אל ישמחו לי איבי שקר, שנאי חנם יקרצו עין. כי לא שלום ידברו, ועל רגעי ארץ דברי מרמות יחשבון. (ל"ה, י"ט-כ').

זאלן זיך ניט פרעהען איבער מיר די וואס זיינען מיר פיינט פאר גארנישט; מיינע אומזיסטיגע פיינד וואס ווינקען מיטן אויג. ווארום ניט-שלום רעדן זיי, און געגען די שטילע פון דער ערד, (וועלט), טראכטען זיי אוים פאלשע זאכען.

ירנו וישמחו חפצי צדקי, ויאמרו תמיד יגדל יהוה, החפץ שלום עבדו. (ל"ה, כ"ז).

זאלען זינגען און זיך פרעהען די וואָס ווינשען מיין גערעכטיגקייט; און זאלן זיי אימער זאגן: געגרויסט זאל זיין גאָט, וואס באגערט דעם **שלום** פון זיין קנעכט.

שמר תם וראה ישר, כי אחרית לאיש שלום. (ל"ז, ל"ז).

באטראכט דעם אומשולדיגען, און זעה דעם רעכטפארטיגען, ווארום עס איז דא א צוקונפט פאר דעם מענטש פון שלום.

אין מתם בבשרי מפני זעמך, אין שלום בעצמי מפני חטאתי. (ל״ח, ד׳).

ניטא קיין גאנצע גליד אין מיין לייב פון איבער דיין צארן, ניטא קיין שלום אין מיינע ביינער צוליב מיין זינד.

פדה בשלום נפשי מקרב לי, כי ברבים היו עמדי. (נ״ה, י״ט).

ער טוט אויסלייזען בשלום מיין זעלע, מען זאל ניט קומען נאהנט צו מיר, אבוואהל זיי זיינען פיעל געגען מיר.

שלח ידיו בשלמיו, חלל בריתו. (נ״ה, כ״א). **השלך על יהוה יהבך והוא יכלכלך.** (נ״ה, כ״ג).

ער, (וואס האט ניט מורא פאר גאט), שטרעקט אויס זיינע הענדט אויף די וואס זיינען אין שלום מיט איהם, ער פארשוועכט זיין בונד. [אבער] ווארף אויף גאט דיין לאסט, און ער וועט דיך פארזארגען.

ישאו הרים שלום לעם, וגבעות בצדקה. (ע"ב, ג').

די בערג זאלען טראגען שלום צום פאלק, און די הויכע פלעצער דורך גערעכטיגקייט.

יפרח בימיו צדיק, ורב שלום עד בלי ירח. (ע"ב, ז').

בליהען אין זיינע טעג זאל דער צדיק, און א גענוס פון פיעל **שלום**, ביז די לבנה וועט מעהר ניט זיין.

אשמעה מה ידבר האל יהוה, כי ידבר שלום אל עמו ואל חסידיו, ואל ישובו לכסלה. (פ"ה, ט').

איך הער וואס דער אלמעכטיגער גאט רעדט: פארוואהר, ער רעדט שלום פאר זיין פאלק, און פאר זיינע פרומע; נאר זיי זאלען זיך ניט אומקערן צו נארישקייט.

חסד ואמת נפגשו, צדק ושלום נשקו. (פ"ה, י"א).

גענאָד און אמת האָבן זיך באַגעגענט, גערעכ־טיגקייט און שלום האבן זיך צוקושט.

שלום רב לאהבי תורתך, ואין למו מכשול. (קי"ט, קס"ה).

גרוים שלום איז פאר די ליעבהאבער פון דיין תורה, און ניטא פאר זיי קיין שטרויכלונג.

רבת שכנה לה נפשי עם שונא שלום. (ק"כ, ו').

לאנג, (מיט געדולד), האט זיך אנגעוואהנט מיין זעלע ביי דעם פיינד פון שלום.

אני שלום, וכי אדבר, המה למלחמה. (ק"כ, ז').

איך בין לויטער **שלום**, אבער אז איך רעד, [שלום], זיינען זיי פאר מלחמה.

שאלו שלום ירושלם, ישליו אהביך. (קכ"ב, ו').

בעט פאר דעם שלום פון ירושלים, זאלן גע־דייהען אלע דיינע ליעבהאבער.

יהי שלום בחילך, שלוה בארמנותיך. (קכ"ב, ז').

זאל זיין שלום אין דיין מויער, און געדייהונג אין דיינע פאלאצען.

למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך. (קכ"ב, ח').

פון וועגן מיינע ברידער און מיינע חברים לאמיר זאגן: **שלום** אין דיר!

והמטים עקלקלותם יוליכם יהוה את פעלי האון, שלום על ישראל. (קכ"ה, ה').

אבער די וואס נייגן זיך אויף זייערע קרומע וועגען, זיי וועט גאט אוועקפירען מיט די טוער פון אומרעכט, [דאן וועט זיין], **שלום** על ישראל!

וראה בנים לבניך, שלום על ישראל. (קכ"ח, ו').

און זע קינדער ביי דיינע קינדער, **שלום** אויף ישראל!

השם גבולך שלום, חלב חטים ישביעך. (קמ"ז, י"ד).

דער וואס גיט דיין גרענעץ **שלום**, ער זעטיגט דיך מיט די פעטס פון ווייץ.

תושלב"ע.